בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת
מצורע-טהרה
שנה ג' - גליון ק"ז

ה' ניסן שנת תשעא לפ"ק

הדלקת הנרות
7:12
זמן מוצאי שבת
8:41

סוף זמן קרי"ש 9:07

## מיט א פרייליכן געמיהט!
## די האנט געמאכטע הגדות...

די קליינע הענטעלעך זענען זייער פארנומען אין די טעג פאר פסח. א יעדן טאג מאכט מען נאך עפעס אויף די הערליכע הגדות. עס מישט זיך אזוי געשמאק מיין קליינע הגדה'לע איין צעטל שענער פון די צווייטע! מיין האנט ארבייט שמייכלט צו מיר. א יעדן טאג ווען מיין רבי רופט אויס: יעצט גייט מען מאכן אביסל ווייטער די הגדות, הערשט אין חדר אזא פרייליכקייט און געשמאק. א יעדער באקומט זיין בעג מיט זיין הגדה'לע מען לייגט אונטער דעם פלעסטיג און מען מישט אויף דארט ווי מען האלט אט טיילט די רבי אויס וואס מען גייט היינט אריין קלעבן און מען נעמט זיך צו די ארבייט. מען הערט זאגן קדש... ורחץ... כרפס... מה נשתנה... אזוי חזר'ט מען יעדן טאג ביז מיר וועלן אי"ה אלעס גוט קענען לכבוד יו"ט.

אויך וויסן מיר שוין גאר שטארק אכט צו געבן און זיך גוט אפשאקלען פון חמץ איידער מען הייבט אן די ארבעט פון די הגדות

## יישר כח!

קערעסטין – **אוקריינע** די תלמוד תורה קינדער דאהי האבן די וואך באקומען עטליכע הונדערט פונט פארשידענע ערליי עסן פון אונזערע ברידער'לעך פון **סאטמאר קינדערגארטן – וויליאמסבורג.** די שמחה איז געווען ממש נישט צו באשרייבן! די חשוב'ע עסקנים וואס האבן דאס אריין געברענגט צו די קינדער זענען באפאלן געווארן מיט אזעלעכע פרייליכע פנימ'ער. זיי האבן אויסגעשריגן א היליכיגן דאנק פאר אזא גוטע געשאנק. זיי באפעלן פארן מנהל דארט, איבער צו געבן פאר די ברידער פון אמעריקע א גרויסן ישר כח.









מיר האבן ערהאלטן א "**פערזענליכע גריס**" פונעם מנהל פון די תלמוד תורה אין קערעסטין - אוקריינע. ווי ער באדאנקט זיך גאר שטארק פארן מחי' זיין און אינזינען האבן די טייערע קינדער. מיר האבן זיך אויך באדאנקט פאר די חשוב'ע עסקנים וואס האבן אונז מזכה געווען מיט אזא געוואלדיגע מצוה.

## בשורה טובה!

מיר ווילן מעלדן די חשוב'ע עלטערן שיחיו אז אויך דאס יאר וועט זיין א ספעציעלע חדר פראגראם פאר "**זונטאג**" דער טאג פון "**בדיקת חמץ**" די קינדער וועלן האבן א הערליכע פראגראם און זיי וועלן אי"ה שיין פארברענגען, עס וועט זיין א העכסט אינטרעסאנטע פראגראם פיינע געשמאקע פרישטאג און מיטאג צו עסן, שיינע מעשיות, גוטע אונטערהאלטונגען און נאך...עס וועט זיין א עקסטרע מעלדונג איבער די פרטים פונעם "**בדיקת חמץ" חדר פראגראם**, די זמנים און פרייז. בברכת חג כשר ושמח.

## מעסעדזש פון מנהל

א) זונטאג איז טאקע נישט דא קיין פרישטאג אין חדר די קינדער דארפן עסן אינדערהיים. אבער אויב מאכט זיך סיי ווען אימער אז איר שיקט מיט אייער קינד א ברויט, מאכט זיכער דאס זאל נישט זיין קיין "פינאט באדער" – "טשיז" – "פוטער" סיי וועלעכער מילעכיגס. איר שטעלט איין א צווייטן קינד אין א "סכנה ממש". פארן באס רבי איז נישט מעגליך אכט צו געבן אויף אזא ברויט. דעריבער נעמט מען דאס תיכף אוועק פונעם קינד, אז איר ווילט דאס קינד זאל עסן ביטע שיקט נישט אזא ברויט מיט איהם.

ב) עס איז זייער וויכטיג צו דערמאנען אז אין די טעג פאר פסח ווען מענטשן זענען פארנומען, זאל מען נישט שיקן מיט א קינד צום באס אפנעמען אדער ארויף לייגן א קינד, נאר דווקא אן ערוואקסענער מענטש. עס האט זיך שוין עטליכע פעלער ארויס געשטעלט צו א סכנה וד"ל. און אוודאי נישט אויפהאלטן די באס, עס איז נישט גערעכט אז יענער זאל דארפן ווארטן לענגער אויפן באס. געדענקטס! א יעדעם'ס צייט איז טייער...

## מזל טוב וואונטשן

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
אלימלך ב"ר אברהם יצחק מארקאוויטש נ"י
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א
און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
יצחק טובי' ב"ר אברהם לייב פעלבערבוים נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל וואלף שווארטץ שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
יעקב שמעון ב"ר נפתלי אלימלך ווייל נ"י
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי בנימין כהן שליט"א
און רבי יואל שמאיע שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
ישראל דוד ב"ר יצחק געלבשטיין נ"י
לכבוד זיין פעטערס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' אברהם ג'ברא שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
זלמן לייב ב"ר נפתלי אלימלך ווייל נ"י
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
משה אברהם ב"ר יעקב קליין נ"י
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל וואלף שווארטץ שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
אהרן זאב ב"ר אברהם בערנאטה נ"י
לכבוד זיין מומעס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
בערל ב"ר יואל דרוממער נ"י
לכבוד זיין פעטערס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
דוד הערש ב"ר ליפא וואלבערג נ"י
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' אברהם ג'ברא שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
שלמה בן הרב אברהם יושע העשיל באב"ד נ"י
לכבוד זיין מופן אין א נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
רבי יואל כ"ץ שליט"א
און רבי יואל הערש שפיטצער שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
שמואל ב"ר הילל ראזענבערג נ"י
לכבוד זיין מופן אין א נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' דוד ווערטהיימער שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
הערשל ב"ר מרדכי דוד עסטרייכער נ"י
לכבוד זיין מופן אין א נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד